Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
שיקראמ, ץערעפ

Mosḳṿe, 1943

סעמאמ יד דנאלשטַייד ניא נענייוו נלָאז

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

זיי וועלן זיך מיט אים באגיין ווי מיט די קינדער אפן וועג,
און ערגער נאָך ווי מיט די אומשולדיקע פרויען.
וואָס קאָן מען טאָן? א מינהעג הייליק איז ווי א געשלעג!
און ער האָט ליב, אז אויספירן זאָל מען גענוי אים!

און באם געווער — א פארמאסקירטער פון דער זײַט
איז אלע ווײַל א רויטארמייער זיי מעכאבעד
און זאָגט זיי צו: — וועסט פריר זיך איבערקערן אפ דער צווייטער זײַט,
ביז אין געפאנג א רויטארמייער וועסטו כאפן!

***

## זאָלן וויינען אין דײַטשלאַנד די מאמעס

1

זאָלן וויינען אין דײַטשלאנד די מאמעס
אין דערוואַרטונג אפ זין פון דעם קריג.
אין די רוסישע שנייִקע יאמעס
האָט דער טויט זיי אפ אייביק פארוויגט.

ניט קיין טרייסט די פארבלוטיקטע ערד איז,
ניט קיין טרייסט איז דער הימל אין פלאם,
און באגלייט זיי אליין האָבן מערדערס
און געבענטשט זיי מיט מאָרד און מיט סאם.

ס'רוישן ווינטן אפ קוואָרים געהיימע,
מיט פארזשאווערטע קאסקעס פארדעקט, —
זיך ניט אומקערן קיינמאָל אהיים מער
וועלן רויבער, צעזייט אפן וועג!

זאָלן וויינען די מאמעס אין דײַטשלאנד
מיט פארבראָכענע איינזאמע הענט,
ווײַל זיי האָבן די הייליקע לייד-שאָ
פון געבורט מיט דעם אומגליק געשענדט!

2

זאָלן וויינען די פרויען אין דײַטשלאנד,
זאָלן טרערן פארנעפלען דעם טאָג.
דאָס געשפענסט פונעם טויט איז ניט ווײַט שוין,
און די שארבנס פון מענער ער טראָגט.

אומגעדולדיק געווארט דאָכ זיי האָבנ
אפ מאטאָנעס פונ טויט דורכ דעם קריג,
זיכ א גראָב טאָנ אינ זיי ווי די ראָבנ,
אומפארשעמט עס באקרוינענ מיט „זיג"!

נאָר א רויש רירט באנאכט זייער שוועל דאָרט,
אונ דעם שלאָפ מיט דערשרעק ער צעווייט,
ס'ליגנ מענער פארפרוירנ אפ פעלדער,
ס'מיסט די ראָב זיכ א ריר טאָנ צו זיי!

זאָלנ וויינענ אינ דייטשלאנד די פרויענ...
אינ די ליידיקע הייזער פונ גיר
וועט אפ לאנג זיכ באזעצנ דער טרויער,
אונ דער אומעט וועט שטיינ בא דער טיר!

3

זאָלנ וויינענ אינ דייטשלאנד די קאלעס,
ניט דערווארט אפ קיינ שליובנ אינ לאנד;
ס'ווערנ שאנד-הייזער זיי ווי די שטאלנ
אפ צו פאָרנ זיכ דאָרטנ דערלאנגט.

צו דער האָכצייט נאדאנ האָבנ ברייט זיי
זיכ באשטעלט, דורכ דער פעלד-פאָסט פארגלויבט;
ס'זאָל א גאָלדענער רעגנ פארפלייצנ
פונ האריגע, פונ מאָרד אונ פונ רויב.

אזוי לייטיש די צעפ שוינ באשטאט דאָרט,
אזוי גליקלעכ בא שפיגלענ געווארט, —
נאָר עס האָבנ כאסאנימ פאראטנ
מיט דעמ טויט אונטער מאָסקווע באנאכט.

אויסגעבראָכנ זיי ליגנ ווי גאל איצט
אפנ שניי מיטנ נאדנ באנאנד;
זאָלנ וויינענ אינ דייטשלאנד די קאלעס,
ניט דערווארט אפ קיינ שליובנ אינ לאנד.

4

זאָלנ וויינענ אלמאָנעס אינ דייטשלאנד,
מיט יעסוימימ, פארוויגט אפ דער האנט, —

דאָס פארבלוטיקטע רײַכ דאָרט פארבײַט שוין
א בעסאלמענשנ קרייצ פאר א מאנ.

אונ די ביטערע נויט — פאר א שפּײַזער,
אונ די עלנד'ע גאס — פאר א היימ;
ס'טרײַבט דער הונגער ארויס פונ די הײַזער
נאָכ א קייווער פארנעמענ א ריי.

אונ געכאָלעמט זיי האָבנ פונ צירונג
אינ די איינזאמע בעטנ באנאכט, —
וואָס געדויערט אזוי דער שפּאצירגאנג,
אזו לאנג, ווי מעווארט — ניט דערווארט.

אונ דער טויט פאר א מאנ ערגעצ רײַט שוין,
זײַנע טריט פונ דער ווײַט מע דערקענט...
זאָלנ וויינענ אלמאָנעס אינ דײַטשלאנד
מיט יעסוימימ, פארוויגט אפּ די הענט.

